# פרשת ויקרא

## בס״ד. התוועדות י״ט כסלו ה׳תשמ״ג

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

״משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע״ — פרעגט מען אויף דערויף כמה דיוקים, אויך דער דיוק: וואָס איז דאָ די הדגשה פון ״משה״ און וואָס איז דאָ די הדגשה פון ״סיני״?

און דער קיצור פון כמה ורוב הביאורים בזה איז, אַז אַ **הקדמה** צו תורה איז, נאָך פאַר ״קיבל תורה״, איז די הקדמה לזה איז, אַז דאָס רעדט זיך אַ מעמד ומצב, אַז ער שטייט ווי **משה**. וואָס איז געווען דער אויפטו פון משה? — ומשה הי׳ ״עניו . . מכל האדם אשר על פני האדמה״.

אַז ס׳קומט צו אַ צווייטן אידן און אים פאַלט איין, אַז ער דאַרף אויף אים זאָגן אַ זאַך ניט קיין גוטע — זאָגט מען אים: משה הי׳ עניו מכל האדם אשר על פני האדמה! אָט דעם אידן וואָס דו ווילסט אויף אים זאָגן אַ האַרבן וואָרט — זאָגט תורת אמת, אַז משה האָט זיך געהאַלט בעניוות פאַר אָט דעם אידן!

און דאָס ווערט די הקדמה, ווי אַזוי קען זיין ״פתח לבי בתורתיך״? — אַז ס׳איז דאָ די הקדמה דער ״ונפשי **כעפר** . . תהי׳״. און ניט סתם ״ונפשי כעפר . . תהי׳״, נאָר ״ונפשי כעפר **לכל** תהי׳״.

האָט ער אין זיך אָט די מציאות, אַז בשעת ער זעט אַ אידן, און אים ווייזט זיך אויס, אַז ער געפינט אין אים אַ חסרון, אָדער אפילו ניט אים ווייזט זיך אויס; ער האָט ראיות מוכחות, אַז דער איד **האָט** דעם חסרון — הויבט אים אָן טומלען: היתכן?! ס׳איז דאָך דאָ אַ מצות עשה ״הוכח תוכיח את עמיתך״,

איי ס׳שטייט אין שולחן ערוך ״הוכח תוכיח את עמיתך״ דאַרף מען אָנהויבן ״**בינו לבין עצמו**״, און דערנאָך **כמה פעמים**, און אויב דאָס העלפט ניט, [און מ׳איז **זיכער** אַז ס׳העלפט ניט, ניט דער חסרון איז אין זיין ״הוכח תוכיח״ נאָר אין דעם מקבל] — אָט דעמאָלט מעג מען דאָס טאָן ברבים.

ביי אים איז דער סדר: אים **ווייזט זיך אויס**, אַז אַ איד האָט אַ חסרון, און ס׳איז ״הוכח תוכיח״ איז ווער קען דאָס זיין אַ גרעסערער ״הוכח תוכיח״ ווי ער איז! ער איז דאָך דער וואָס איז דער!

הויבט ער ניט און וואַרט ניט ביז וואַנענט ס׳וועט זיין ״בינו לבין עצמו״ און טוט דאָס **ברבים**! און טוט דאָס מיט אַ **שטורעם**, און מאַכט דערפון, אַז דאָס ווערט אַ הלכה בתורה! אַז אַזוי איז אַ הלכה בתורה, אַז מ׳דאַרף זאָגן, רחמנא ליצלן, אויף אַ ציבור פון אידן אָט די ווערטער וואָס ער זאָגט!

פון וואַנען קומט דאָס? בשעת (ס׳וויל) [מ׳וויל] האָבן ״פתח לבי בתורתיך״, דעם **אויבערשטנ׳ס** תורה — דאַרף זיין ״ונפשי כעפר״. און דאָס איז וויניק — ס׳דאַרף זיין ״כעפר **לכל** תהי׳״.

וואָס דאָס איז די הדגשה: ס׳דאַרף זיין ״**למשה**״:

משה׳ס אויפטו איז געווען, אַז ער איז (ניט געווען) געווען ״ונחנו מה״, פאַר זיך קיין מציאות ניט. ווען האָט ער דאָס געזאָגט? — אידן וואָס ער האָט זיי געדאַרפט זאָגן מוסר. וואָס איז געווען די הקדמה? — ״**ונחנו מה**״! ער איז גאָרניט! דעמאָלט קען ער זאָגן מוסר.

און (וואָס) בשעת ער זאָגט דעם מוסר איז ״משה אמת״: אמת איז ניטאָ קיין שינויים. ניט דער פשט איז ״ומשה הי׳ עניו״ ווען ער איז געווען אין אַ מעמד ומצב מסויים אָדער אין **זמנים** מסויימים, אָדער אין **כמה** זמנים; וויבאַלד אַז ״משה אמת״ — איז אמת האָט ניט קיין שינויים.

און דערפאַר איז דאָס אויך געווען אין דעם מקום: וואָס פאַר אַ מקום האָט מען אויסגעקליבן? —



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקרא

האָט מען אויסגעקליבן "מסיני".

זאָגן חז"ל, מיט וואָס האָט דאָס סיני זוכה געווען? – "דמכיך מכל טוריא":

אַ מענטש וואָס ער איז אַ גאָרנישט, אַ הר וואָס ער איז ניט קיין הר; אַ בקעה ובשפלה – דאָרט איז קיין קונץ ניט, אַז ער איז "מכיך"; דאָס רעדט זיך וועגן אַ הר, און ס'איז געווען "מכיך מכל טוריא" – אָט דערפאַר האָט מען דאָרט געגעבן תורה.

בשעת מ'גיט תורה – גיט מען צוזאַמען דערמיט "אין עוז אלא תורה", אַז בשעת מ'וויל זיין דער אמת'ער "שונה הלכות" פון תורה וואָס זיי זיינען פאַרבונדן און ווי זיי זיינען רצונו של הקב"ה, וואָס ער קען ניט פאַרטראָגן אפילו מקצתו פון דעם ענין פון ישות – דעמאָלט (קומט ע האָט ער דאָרט ניט וואָס) איז ער דאָרט כביכול ניטאָ.

איז אָט דעמאָלט איז דער ענין, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז אַ "הר", און דער הר שטעלט זיך אין אַ מעמד ומצב וואָס "מכיך מכל טוריא",

עד כדי כך: ניט ער האַט דאָס באַ זיך אין צימער, און אַ צווייטער האַלט אים פאַר אַ גרויסן, און ער זאָגט אים "אמן, כן יהי רצון" – נאָר [ב]עיני בשר זעט מען, אַז דאָס איז אַ הר וואָס ער איז אַ "מכיך מכל טוריא"! "כעפר לכל תהי'" –

אָט דעמאָלט גיט מען דאָרטן תורה.

און דאָס ווערט די הסברה: היתכן?! ווי אַזוי קען מען מאָנען "ונפשי כעפר לכל תהי'", מאַנען באַ משה רבינו אַז ער איז געווען "עניו מכל האדם אשר על פני האדמה" – בשעת ער אַליין האָט געוואוסט, אַז "קיבל תורה מסיני", און "אדם על פני האדמה" האָט דערצו קיין שייכות ניט: זיי זיינען תלמידיו, תלמידי-תלמידיו, "מסרה ליהושע" און "יהושע לזקנים" ו"זקנים לנביאים", ביז?? "אנשי כנסת הגדולה" וכו',

בשעת אָבער מ'זאָגט, אַז דער **עיקר** אין תורה און די **גדלות** פון תורה איז, איז דער קיום המצוות בפועל, די הלכות ווי זיי שטייען אין תורה, און דערנאָך ווי זיי שטייען אין "הליכות עולם", ווי אַזוי מ'איז זיי מקיים בעולם הזה הגשמי – אָט דעמאָלט ווערט בפשטות פאַרשטאַנדיק ווי אַזוי ער קען זיין אַן עניו:

בשעת משה רבינו האָט מקיים געווען מצות תפילין – פרעגט מען אויף דערויף די שאלה: מאי קא משמע לן?! ער האָט געהערט פון דעם אויבערשטן מ'דאַרף מקיים-זיין מצות תפילין; געהערט פון דעם אויבערשטן – "תורה בפירושה ניתנה" – די אַלע פרטים פון מצות תפילין, איז וואָס איז דאָ דער שטורעם, אַז ער האָט מקיים געווען מצות תפילין!

בשעת ס'קומט אַ פשוט שבפשוטים, האָט ניט וואָס צו עסן, (און ער) "בנפשו יביא לחמו", אָבער וו8ס הייסט, ער וועט גיין ברענגען לחמו בנפשו איידער ער וועט לייגן תפילין, און וועט לייגן תפילין מיט אַ ברכה, און יידע תפילין, און וועט טאָן אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט הנחת תפילין – אָט **דאָ** איז דער שטורעם פון הנחת תפילין!

און בשעת משה רבינו זאָגט, אַז ער איז אַן עניו פאַר אָט דעם פשוט שבפשוטים – איז גאָר קיין פלא ניט!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.